צו דער געשיכטע פון א קונסט=ווערק

וועגן שאָלעם־אַלייכעמס אַרבעט איבער „מענאַכעם־מענדל“

יִסראָעל סערעבריאַני

סאָוועטיש היימלאַנד, 1966, נומ׳ 6

צו די גרונט־שטריכן פון שאָלעם־אַלייכעמס שאפן און די באַזונדערקייטן פון זײַן אַרבעטס־שטייגער געהערט אויך זײַן אומגעהייערע פּראָדוקטיווקייט און אָפּער־ראַטיווקייט. ווי באַוווּסט, האָט שאָלעם־אַלייכעם אַליין וועגן זיך געזאָגט, אַז ער קאָן שרײַבן אין אַלערליי צײַטן און אומשטענדן, גייענדיק, שטייענדיק, ליגנדיק און אַפילו „פאָרנדיק אַף אַן איזװאָשטשיק“... איז טאַקע קיין וווּנ־דער ניט, וואָס עס האָט זיך געקאָנט אַמאָל שאַפן אַזאַ מין פאָרשטעלונג, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז געווען זאָרגלאָזיק אינעם שאַפן.

עס איז, אַשטייגער, באַקאַנט די בילדערישע „פּאַראַ־לעל“, וועלכע עס האָט דורכגעפירט מענדעלע צווישן זיך און זײַן באַליבט אייניקל שאָלעם־אַלייכעם:

„איך, — זאָגט מענדעלע, — אַז איך פאַרטראַכט עפּעס צו שרײַבן, — צו וועמען בין איך געגליכן? צו אַ יִדענע, וואָס פאַרגייט אין טראָגן. אוי, דער צאַר פון טראָגן, מע זאָל נאָר באַהיט און באַשירעמט ווערן דערפון!.. פון דעם געדאַנק אַליין, אַז איך דאַרף זיך אָנהייבן שרײַבן, ווערט מיר שוין ניט גוט... דערנאָך הייבט זיך אָן אַ סעדרע פון טראַכטענישן, איבערקלערענישן, צוהערענישן צו דעם, וואָס קומט פאָר אינעווייניק... מוז מען שוין זיצן אין געהאַקטע ווונדן פאַרשפאַרט בא זיך אין קאַמער, ביפראַט נאָך אין די הויכע כאַדאָשים... נו, און אַז עס קומען שוין אָן די געבורטסווייען, די עמעסע כעוולי־לײדאָ, איז דאָך ניט שײַעך צו דערציילן... איר שפּילט זיך עפּעס מיט אַ קימפּעטאָרן, אַז זי גייט צו קינד? בא שאָלעם־אַלייכעמען קומט פאָר די זעלבע געשיכטע גאַנץ אַנדערש. עס דרייט זיך אום אַ הון אַ איבערן שטוב, קוואָקעט עפּעס פאַר זיך אַ לידל, פּיקט־פּיקט, אַ פּיק דאָ, אַ פּיק דאָרט. און איידער איר קוקט זיך אום, האָט זי זיך שוין צוגעזעצט ערגעץ אין אַ ווינקעלע — אַהאַ, מאַזלטאָוו, געלייגט אַן איי!..“ (מענדעלע מויכער־ספאָרים. אַלע ווערק. וואַרשע, 1928, ב. 22, ז. 112—113).

מענדעלעס וויץ דעקט אויף אַ געוויסן רעליאַטיוון עמעס, וואָס ווײַזט אָן אַף וועזנטלעכע אונטערשיידן צווישן דעם „זיידן“ און דעם „אייניקל“, באַזונדערס אין דעם פּראָצעס פונעם געבורט פון זייערע ווערק.

ווען מיר נעמען אָבער אין אַכט די קינסטלערישע פאַר־פולקומונג פונעם ווערק, איבערצײַגן מיר זיך, אַז דאָס „אייניקל“ איז אויך געבליבן געטריי דעם „זיידנס“ גע־באָט: „שלײַפן, שלײַפן און שלײַפן“.

מיר ווייסן איצט אַלע, אַז צוליב די געוויסע אומ־שטענדן פון זײַן צײַט און סוויווע האָט שאָלעם־אַלייכעם דאָסראָוו געדרוקט זײַנע ווערק לעכאַטכילע אין פאַרשיי־דענע צײַטונגען און זשורנאַלן, אָפט אײַלנדיק, „בעכיפּאָזנ־דיק“. אַפילו זײַנע בעסטע, מאָנומענטאַלע ווערק, דערין אויך „מענאַכעם־מענדל“, האָבן זיך אָפט געדרוקט אין דער רובריק פון... „פעליעטאָן“. דאָס האָט אַרופגעלייגט אַ געוויסן שטעמפּל אַף די ערשטע וואַריאַנטן פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. אָבער באַם צונויפזאַמלען די דאָזיקע קי־מאַט זעלבשטענדיקע און צעוואָרפענע פעליעטאָנען אין אַ בוך־פאָרם האָט זיי דער אַוטאָר אַזוי איבערגעאַרבעט, אַז ס׳איז צומאָל זיי שווער צו דערקענען. פון די פילצאָליקע „פעליעטאָנען“ איז געוואָרן איין מאָנומענטאַל ווערק.

ס׳איז גענוג צו מאַכן כאָטש אַ לויפנדיקן איבערבליק איבער דער קאָלאָסאַלער אַרבעט, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט דורכגעפירט איבער דער צווייטער אויפלאַגע פון זײַן „מענאַכעם־מענדל“.

באַם פאַרגלײַכן דעם קאַנאָניזירטן טעקסט פון „מענאַ־כעם־מענדל“ מיט די ערשטע וואַריאַנטן אַנטפּלעקט זיך באַלד די אומגעהייערע שעפערישע אַרבעט פונעם שרײַ־בער איבער זײַן ווערק, איבער די באַזונדערע געשטאַלטן און קינסטלערישע דעטאַלן, איבער דער שפּראַך און סטיל.

דער אַוטאָר האָט ניט בלויז איבערגעשטעלט, געשליפן, רעקאָנסטרויִרט דאָס ווערק, נאָר ער האָט גאַנצע קאַפּיטלען, עפּיזאָדן, מאָמענטן ביכלאַל אויסגעשלאָסן. אַ גאַנצע סעריע פון 45 בריוו פון מענאַכעם־מענדלען צו שיינע־שיינדלען, וועלכע שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגעשריבן אין 1913, האָט ער ניט אַרײַנגענומען אין דער לעצטער רעדאַקציע פונעם ווערק.

דער נאָמען „יאַקנעהאָז“, וועלכער האָט פיגורירט אין די ערשטע וואַריאַנטן פון „מענאַכעם־מענדל“, איז אין דעם קאַנאָן קימאַט אומעטום אַרויסגעפאַלן.

אין דעם פאָרוואָרט „צו דער צווייטער אויפלאַגע“ איז דאָ בלויז אַ דערמאָנונג — „אַ שפּעקולאַנט אַף דער בערזע פון „יאַקנעהאָז“, פון אַקציעס אוקעדוימע אַזעלכע סכוי־רעס“ אאַוו. הייסט עס, אַז „יאַקנעהאָז“, וואָס איז פריִער געווען אויך דער נאָמען פון פערסאָנאַזש, איז מעגולגל געוואָרן אין איינער פון די בערזע־אַקציעס. ווען מע זאָל צעשטעלן די מענאַכעם־מענדל־וואַריאַנטן לויט זייער „אור־שפּרינגלעכער“, כראָנאָלאָגישער אָרדענונג, וואָלט זיך באַ־קומען אַזאַ עוואָליוציע פון דעם מענאַכעם־מענדל־ווערק:

1885. „קאָנטאָר־געשעפט“, געדרוקט אין „יודישן פאָלקס־בלאַט“ נומ. 47—50. „דער ערשטער פרווו צוצוגיין נאָענט צו דער מענאַכעם־מענדל־טעמע“[1].

---

[1] זע שאָלעם־אַלייכעם. אַלע ווערק. ב. 1. „דער עמעס“, מאָסקווע, 1948, ז. 528. ווי עס מערקן אָפּ די קאָמענטאַטאָרן, איז דאָס דאָזיקע ווערק קיינמאָל אין קיין בוך־פאָרם ניט איבערגעדרוקט געוואָרן.

1887. „א פארוואלגערט בריוול פון די איבערגעכאפּטע בריוו פון שאָלעם־אליכעם“ (דאָרטן, נומ. 15);

1892. „לאָנדאָן“ (אין „קאָל מעוואסער צו דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“);

1894. די פּיעסע „יאקנעהאָז אָדער דאָס גרויסע בערזע־שפּיל“;

1896. „פּאפּירלעך“ (אלמאנאך „הויזפריינד“, פינפטער בוך);

1899—1900. „מיליאָנען“ (זש. „דער יוד“);

1900. „וואָס טוט מען?“, „בעכיפּאָזן“, „עס פידלט ניט“[1];

1901. „שלים־שלימאזל“ און „דרייפוס דער צווייטער“ (זש. „דער יוד“).

1903. „א נייע פארנאָסע“ (צייטונג „דער פריינט“) (שפּעטער — „א בעקאָוועדע פארנאָסע“) און „אדיע“; „קיין אמעריקע“ (צוויי לעצטע בריוו פון מענאכעם־מענדלען, איבערגעגעבן צום דרוק פון שאָלעם־אלייכעם) (זש. „צור קונפט“, נומ. 8);

1904. „א געבענטשט לאנד (א בריוו פון מענאכעם־מענדלען פון אמעריקע, צום דרוקן איבערגעגעבן פון שאָלעם־אלייכעם)“ („דער פריינד“);

1913. „בריוולעך פון מענאכעם־מענדלען צו שיינע־שיינדל זיין ווייב (נייע סעריע)“ (אין ווארשעווער „הײַנט“).

אין דעם אויבנדערמאָנטן פאָרוואָרט „צו דער צווייטער אופלאגע“ (דאטירט: „ערעוו כאנעקע, תר״ע“) שרייבט טאקע שאָלעם־אלייכעם, אז „דער פארפאסער... איז דורכגעגאנגען מיט (זיין העלד) א שטיק לעבן פון קימאט צוואנציק יאָר“. ווי מיר זעען אָבער פון דער געבראכטער רעשימע[2], קאָן מען דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט פארלענגערן אפילע אף קימאט נאָך א צענדליק יאָר, דה., אז זיין גאנץ שעפעריש לעבן איז שאָלעם־אלייכעם „פערזענלעך“ געווען „נאָענט באקאנט“ מיט זיין מענאכעם־מענדל.

ניט אומזיסט האָט ער אָפּט זיך אליין אָדער זיינע נאָענטע און באקאנטע פארגליכן מיט זיין העלד, זיי אָנגערופן מיט זיין נאָמען.

שאָלעם־אלייכעם שרייבט וועגן זיך:

„פון דער שטאָט פּיטערבארג איז מענאכעם־מענדל (דה. שאָלעם־אלייכעם) גאָר מעטושטעש“... (פון א בריוו צו ראווניצקין פון ס״ט פּעטערבורג, 10 סענטיאבער 1904)[3].

אין 1913 שרייבט ער א בריוו צום אדוואָקאט ליכטענבוים:

„לכבוד ידידי היקר החכם מופלג הנגיד מפורסם מהור״ר

---

[1] זע שאָלעם־אלייכעם. אלע ווערק. ב. 2, אויך א ליד פון זעלבן יאָר — „איך בין קראנק“, ז. 278—279, וו עס ווערט ווידער דערמאָנט מענאכעם־מענדל.

[2] מע וואָלט געקאָנט אהער אויך אריינרעכענען די העברעיִשע דערציילונג „דאָן קישאָט פון מאזעפּעווקע און זיין כאווער סימכע פינכעס“, געדרוקט אין זאמלבוך „פּארדעס“, 1892, אויך די רוסישע דערציילונג „הונדערט טויזנט“ פון ציקל „טיפּן פון דער „קליינער בירזשע“, געדרוקט אין דער צייטונג „אָדעסקי ליסטאָק“ פון זעלבן יאָר. (זע שאָלעם־אלייכעם. פארגעסענע בלעטלעך, צונויפגעזאמלט פון י. מיטלמאן און כ. נאדעל. קיִעוו, 1939).

[3] שאָלעם־אלייכעם. אויסגעוויילטע ווערק, ב. 15, פ״ג „דער עמעס“, מאָסקווע, 1941, ז. 147. דער באנד באשטייט פון „אויסגעווילטע בריוו“, צונויפגעזאמלט פון י. מיטלמאן און כ. נאדעל.

מנחם־מענדל נ״י“.[1] אינגאנצן אין נוסעך פון זיינע מענאכעם־מענדל־בריוו, מיטן „איקער־שאָכאכטי“ און מיט האקלבאקל.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער הויפּט־טעמע.

„באם צונויפשטעלן די בריוו צו דער צווייטער אופלאגע, — שרייבט שאָלעם־אלייכעם, — האָב איך א סאך בריוולעך שטארק פארקירצט. און א סאך בריוולעך גאָר ארויסגעוואָרפן... דער מעכאבער פון דעם בוך גייט מיט דעם גאנג, אז א ווערק, וואָס ס׳איז קירצער, איז דאָס אלץ בעסער...“

דער דאָזיקער קלאל איז גילטיק פאר שאָלעם־אלייכעמס אלע בעסטע ווערק, כאָטש ער האָט זיי לעכאטכילע אָפּט געשריבן „בעכיפּאָזנדיק“.

„כאָטש איך שרייב בעכיפּאָזנדיק, דאָך פאָלג איך דעם זיידנס געבאָט: שלייפן, שלייפן, שלייפן! ווינציקער פון דריי מאָל ווערט בא מיר א ווערק ניט ארויסגעלאָזט פון דער פאבריקע. אמאָל דערגייט דאָס איבערשרייבן ביז זעקס־זיבן מאָל און ערשט נאָכדעם אוועקגעשיקט אין דער „דרוקאציע“. דערביי שפּילט דאָס פלעשעלע גומעראביקע קליי א גרויסע, גרויסע ראָליע. עס גייט בא מיר געקלעפּט א לאטע אף א לאטע און אף דער נייער לאטע א ניי קליין לאטקעלע“[2].

ווייטער שרייבט ער צום זעלבן אדרעסאט:

„דער פּעליעטאָן („צוויי שטיינער“) גייט ניט אריין אין מיינע ווערק, ווייל איך וואַרף ארויס א סאך און פון די געבליבענע ארבעט איך איבער שטארק. איבערארבעטן — דאָס איז מיין כאלאס“[3].

אזעלכע גוויִעס־אײדעס וועט איר טרעפן בא שאָלעם־אלייכעמען גאנץ אָפּט.

אָבער עפּשער קיין איין ווערק האָט ער אזויפיל ניט איבערגעארבעט, ווי זיין „קימאט בריוונשטעלער“ „מענאכעם־מענדל“. צוליב מאנגל אין פּלאץ איז דאָ פּאָשעט ניט מעגלעך צו ברענגען די אלע ערטער, וועלכע זיינען פארקירצט, איבערגעאנדערשט, איבערגעשטעלט, צוגעגעבן, פארברייטערט, געלייטערט און געשליפן, געשלײַפט...

„קינסטלעריש איז דער מענאכעם־מענדל־בוך איינער פון די פולקומסטע בא שאָלעם־אלייכעמען, — שרייבט מ. עריק, — לויט דער אויסשעפּנדיקער פּאָרטרעטירונג פון די גרונט־געשטאלטן, וווּנדערלעכער קאָמפּאָזיציע און זאָרגפולער פאנאנדערארבעטונג און שליַיפונג פון יעדער דעטאל, א מייסטער־ווערק פון אומדערשראָקענעם אופרייסן, דעמאסקירן, אנטפּלעקן דעם טיפּ אָן וואקלעניש ביזן סאָף — א מייסטער־ווערק פונעם קריטישן רעאליזם“[4].

אז שאָלעם־אלייכעם האָט געשטרעבט צו אָט דער אידייִש־קינסטלערישער שליימעס און איז געווען שטרענג צו זיך און צילגעווענדט, זעען מיר פון דעם זעלבן פאָרוואָרט.

„דערווייל, — שרייבט שאָלעם־אלייכעם, — ביז עפּעס וואָס, האָב איך צונויפגעזאמלט אלע זיינע (מענאכעם־

---

[1] ליכוויד יעדידי האיאָקאָר האכאָכעם מופלעג האנאָגיד מעפורסעם מעהורער מענאכעם מענדל ניירוי יאיר. דאָרטן, ז. 265.

[2] פון א בריוו צו ראווניצקין, פון 1903, דאָרטן, ז. 139.

[3] דאָרטן, ז. 140.

[4] מאקס עריק. מענאכעם־מענדל. געשטאלט און מעטאָד. (זשורנאל „שטערן“, מינסק, 1935, נומ. 5—6, ז. 180).

מענדלס) בריוו, וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון די אכצן יאָר געשריבן אין פאַרשיידענע צײַטן און געדרוקט אין פאַרשיידענע ערטער, צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל, ווי אויך די בריוו פון זײַן ווײַב צו אים, און געמאַכט פון זיי א בוך, מע קאָן זאָגן, קימאַט א בריוונשטעלער".

קעדיי שאַפן אָט די איינהײַטלעכקײַט פון א בוך, אָט דעם „קימאַט א בריוונשטעלער", האָט שאָלעם־אליישעם פריִער פאַר אַלץ אַרײַנגעטראָגן א גאַנצע רײ אַלגעמיינע קאָרעקטיוון אין די ערשטע וואַריאַנטן פון זײַנע צעוואָרפענע מענאַכעם־מענדל־בריוו: א רײ פּרינציפּיִעלע און קאָנסטרוקטיווע ענדערונגען.

1. שאָלעם־אליישעם וואַרפט אַרויס די דאַטירונגען, וועלכע זײַנען געווען אין אָנהייב פון יעדן בריוו (צ. ב. „אָדעס ג' אייר תר... לפ"ק". ערשטער בריוו פון דער סעריע „לאָנדאָן") און אָנשטאָט דעם שטעלט ער אוועק זײַן אוטאָרישע באַצייכענונג פון די אַדרעסאַטן: „מענאַכעם־מענדל פון... צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע", און פאַרקערט.

2. ער פאַרבײַט אומעטום דעם נאָמען „מאַזעפּעווקע" אויף „קאַסרילעווקע".

3. פאַראיינהײַטלעכט דעם בריוונשטעלער־טראַפּאַרעט דורך די „לעזוגאַסי"־ און „ליכוויד"־שטאַמפּן.

4. דעם „ריישיס", „וועהאַשייניס" — בא מענאַכעם־מענדלען, „ערשטנס" און „צווייטנס" — בא שיינע־שיינדלען צעשטעלט ער אין אַן אַנדער גראַפישער אָרדענונג, — מיט באַזונדערע אַבזאַצן.

5. ער פירט אײַן קימאַט אומעטום דעם „איקער שאָכאַכטי" פאַר מענאַכעם־מענדלען און פּאָסטסקריפּטום פאַר שיינע־שיינדלען (די לעצטע באַנוצט ניט דעם טערמין „פּאָסטסקריפּטום". זי הייבט גלײַך אָן: „יאָ", „שאַ", „ווייסטו, וואָס איך וועל דיך בעטן" אַדגל.).

6. אין די בריוו פון מענאַכעם־מענדלען ווערט אַרײַנגעטראָגן דער זייער פאַר אים כאַראַקטעריסטישער: „און מאַכמעס איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בעקיצער".

7. די אונטערשריפטן: „מימעני באַאַליך מענאַכעם־מענדל" און: „פון מיר דײַן בעמעס געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל" (די עוואָליוציע פון דער לעצטער אונטערשריפט איז אַזאַ: פריִער, אין די ערשטע סעריעס, איז געווען: „פון מיר דײַן ווײַב", דערנאָך: „פון מיר דײַן עמעס געטרײַע פרוי" און ענדלעך — „פון מיר דײַן בעמעס געטרײַע פרוי". געבליבן איז דער לעצטער וואַריאַנט פאַר שיינע־שיינדלס בריוו).

8. אָנשטאָט „מײַן ווײַב" באַנוצט איצט מענאַכעם־מענדל אומעטום „זוגאָסי האַיעקאָראָ".

9. שיינע־שיינדלס קלאָלעס, וועלכע זײַנען פריִער אומעטום געווענדט דירעקט צו מענאַכעם־מענדלען, ווערן אָדער איינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן, אָדער ווערן אַרויסגעזאָגט אומדירעקט, אָפּגעשוואַכט, מיט א רײ באַוואָרענישן, מיטן צוגאָב: מײַנע סאָנים; אָנשטאָט „זאָלסטו" — „זאָלן זיי" און ענלעכע. ביכלאַל ווערט איצט שיינע־שיינדל א סאַך פאַריידלטער, אפילע צאַרטער („בעסער זיך געווונטשן, אייִדער יענעם געשאָלטן"). זי וואַרפט איצט ווייניקער אויף מענאַכעם־מענדלען (און אויך דאָס ווייניקע — אומדירעקט), אַז ער איז א נאַר, א לעקיש, א גוילעם, און זידלט זיך ביכלאַל א סאַך ווייניקער ווי פריִער.

10. עס באַווײַזט זיך אומעטום, אין שיינע־שיינדלס בריוו, די שוויגער מיט אירע שפּריכווערטער און ווערטלעך.

11. שאָלעם־אליישעם שטעלט אײַן אַן ענגע פאַרבינדונג און איבערגאַנג פון איין סעריע צו דער צווייטער און שאַפט א נײַע קינסטלערישע כראָנאָלאָגיע. אין דעם זין איז באַזונדערס אָנשווילעך די סעריע „עס פידלט נישט", וואָס איז פאַקטיש אָנגעשריבן פריִער פאַר „א בעקאָוועדער פאַרנאָסע" און איצט גייט עס פונקט פאַרקערט. אין דעם קאַנאָניזירטן „עס פידלט נישט" זײַנען דעריבער גלײַך פון אָנהייב דאָ צוויי אָנווײַזונגען אויף דער פריִערדיקער סעריע. ערשטנס, אַז „טייקעף־אומיִאַד ווי איך האָב מעקאַבל געווען פון דיר די צוגעשיקטע עטלעכע קערבלעך" (אין דעם לעצטן בריוו פון „א בעקאָוועדער פאַרנאָסע" שרײַבט אים שיינע־שיינדל: „דאָס געלט, וואָס איך שיק דיר דאָ, איז מײַן מאַמעס און ווייס איר גוטסקײַט")... צווייטנס, דורך אַזאַ אָרט: „אַנומלטן האָב איך דיר געהאַט געשריבן, אַז אויף דער אַכסאַניע, דאָרט, וווּ איך האָב געהאַלטן סטאַנציע, האָט זיך געפונען א ייִד א שאַדכן, לייבע לעבעלסקי הייסט ער (וועגן דעם דאָזיקן שאַדכן גייט א רייד אין דעם „איקער שאָכאַכטי" פונעם 9־טן בריוו פון דער פריִערדיקער סעריע — „א בעקאָוועדע פאַרנאָסע"). אויסער דעם, אין אָנהייב פונעם דאָזיקן בריוו, שרײַבט שיינע־שיינדל: „צווייטנס, — שרײַב איך דיר, אַז איך האָב דיר ניט וואָס צו שרײַבן". אין די קומענדיקע לעצטע צוויי סעריעס זײַנען שוין טאַקע מער קיין בריוו פון שיינע־שיינדלען ניטאָ (אין די ערשטע וואַריאַנטן זײַנען די לעצטע סעריעס ביכלאַל ניט אַדרעסירט שיינע־שיינדלען, נאָר שאָלעם־אליישעמען. זע ווײַטער).

12. אין דער קאַנאָניזירטער אויפלאַגע (אויך אין דער נײַער גרויסער סעריע בריוו פון 1913) „לאָזט ניט" שאָלעם־אליישעם מענאַכעם־מענדלען קומען אַהיים — קיין מאַזעפּעווקע אָדער קאַסרילעווקע, און אין די ערשטע וואַריאַנטן קומט מענאַכעם־מענדל צוויי מאָל אַהיים: איין מאָל (אין „בעכיפּאָזן") — אויף פּייסעך, און דאָס צווייטע מאָל ברענגט מען אים מיטן עטאַפּ („עס פידלט נישט"), נאָכן אויספילן א צווייטן ניט געלונגענעם שידעך פון א גאָרוש מיט א גרושע.

13. אַלע מענאַכעם־מענדל־בריוו זײַנען איצט, ווי באַוווּסט, אַדרעסירט שיינע־שיינדלען. אין די ערשטע וואַריאַנטן זײַנען א טייל בריוו אין „וואָס טוט מען?", „בעכיפּאָזן", „עס פידלט נישט", „שלים־שלימאַזל", „קיין אמעריקע", „א געבענטשט לאַנד" אַדרעסירט ניט שיינע־שיינדלען, נאָר שאָלעם־אליישעמען. יענע בריוו, וועלכע זײַנען אַרײַן אין בוך, זײַנען אונטערגעוואָרפן זײַן נײַער אײַנשטעלונג (דה. זיי זײַנען אַדרעסירט שיינע־שיינדלען).

14. עס ווערן, אַלס קלאַל, אומעטום געקירצט די אייגננעמען פון קיִעווער גווירים, „בערזע־שפּעגעלאַנטן", ווי אויך איינצלהײַטן, וואָס טראָגן א לאָקאַלן כאַראַקטער.

אַזויאַרום האָט שאָלעם־אליישעם שוין מיט דער דאָזיקער אַלגעמיינער גרינטלעכער און אויסגעהאַלטענער סיסטעמאַטיזאַציע פון די בריוו, מיט דער שטרענגער געזעצמעסיקײַט און לאָגיק פון די באַזונדערע אַנטוויקלונג־עטאַפּן אידייִש־שעפעריש צעמענטירט דעם בוך און געשאַפן פון די פאַרשיידענע סעריעס, „געשריבן אין פאַרשיידענע צײַטן און געדרוקט אין פאַרשיידענע ערטער", אַן איינהײַטלעך ווערק, וואָס איז אײַנגעטיילט אין זעקס באַזונדערע אָפּטיילונגען און איז באַזיניקט פון איין פּאָלקסטימלעכער סאָציאַל־פילאָסאָפישער אידיי, אַז „אַלץ, וואָס איז געבויט אויף לופט און אויף ווינט, מוז סאָפּקאָלסאָף פאַלן".

שיינע־שיינדלס בריוו צו מענאַכעם־מענדלען, די אָנגעפּיקעוועטע מיט דער אַלטער, פּראַקטישער, אָבער באַגרענעצ־

טער לעבנס־כאָכמע, אויסגעדריקט דאָסראָוו דורך די פילצאָליקע ווערטלעך און ריידנסאַרטן פון מענאַכעם־מענדלס שוויגער, זײַנען ניט נאָר דער פּאָן פון מענאַכעם־מענדלען, וואָס דערמאָנט זײַן קאַסרילעווקער אָפּשטאַמונג; זיי דעקן אויך אויף יעדן מאָל דעם מעהאַלעך צווישן די אַלטע און נײַע לעבנס־האַסאָגעס.

האָן, ווען מענאַכעם־מענדל שרײַבט בריוו, וואָס זײַנען פול מיטן אימפּעט פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט, מיטן פּאַטאָס פון וועלט־געשעענישן וועגן מילכאָמעס, אײַזנבאַן־בויונג, דאַטשעס, „גובערנאַנטקעס“, פראַנצויזיש, גווירים־אַדירים, און מאַכמעס ער האָט קיין צײַט ניט, מאַכט ער עס שטענדיק בעקיצער, — קומען שיינע־שיינדלס בריוו מיט אירע קאַסרילעווקער דײַגעס און אינטערעסן, און זי באַשרײַבט עס גראַדע באַאַריכעס, מיט אַלע טאָגן, נאָך מיט אַ ריי אייגענע באַריידעוודיקע קאָמענטאַרן, דורכגעדרונגענע מיט אַלטע האַנדלס־פאָרשטעלונגען, אָבערגלויבנס, קלאָלעס, ווינטשעניש, קינע־געפילן, בושע, אומצוטרוי, כשאַד, אייפערזיכט אאַוו. און דאָס אַלץ איז באַגרינדעט מיטן אווטאָריטעט און מיט די געשליפענע פאָרמולעס פון דער מאַמעס מײַנעלאָשן. שיינע־שיינדל אַליין מישט זיך דאָ ניט אין מענאַכעם־מענדלס געשעפטן. זי קלאָגט זיך בלויז, אַז זי פאַרשטייט ניט דעם מין סכוירע, „דאָס אָנקוועלן, וואָס דו קוועלסט אָן פון דער שטאָט אָדעס, זי מעג זײַן די קאַפּאָרע פאַר אונדזער מאַזעפּעווקע“, אאַוו.

אַדאַנק מענאַכעם־מענדלען פאַרברייטערט זיך אויך שיינע־שיינדלס „האָריזאָנט“, האָטש זי נעמט אַלץ אויף ווי אין אַ קרומען שפּיגל, פּידרעך.

אין דעם לעצטן בריוו פון דער ערשטער סעריע „לאָנדאָן“, וואָס באַשטייט פון צוועלף בריוו, באַווײַזט זיך ערשט די שוויגער מיט אירע שפּריכווערטער און ווערטלעך, אָבער בלויז איין מאָל („אוי, די מאַמע מײַנע איז טאַקע אַ כאַכאָמע, לאָם איך אַזוי לעבן. זי טײַנעט אָבער מיט מיר קעסיידער, אַז אַ מאַן טאָר מען ניט נאָכגעבן די שמאַד“, אאַוו.). ערשט דאָ ווערט דערמאָנט קעשענעוו („ביסט דאָך געפאָרן קיין קעשענעוו גאָר צום פעטער וועלוול־מענאַשע, הײַנט וויאַזוי ביסטו עס אויסגעוואַקסן פּלוצעם אין אָדעס, וועלכער רוער האָט דיך אַהין געטראָגן?“).

דער סאָף איז דאָ געווען אַזאַ:

„...זע, מענאַכעם־מענדל, זאָלסט ניט גיין שוין מער אַהין, זאָלסט פאַרגעסן גאָר, אַז ס׳איז דאָ אַ „לאָנדאָן“, ברענען זאָל דאָס מיט דעם אָדעס, אײַנגעזונקען זאָל דאָס ווערן מיט דיר אײנײנעם[1], און פאָר באַלד אַהיים! פאַרבלײַב געזונט און פיל גליקלעך. עס גריסן דיר אַלע גאָר הערצלעך. פון מיר דײַן ווײַב שיינע־שיינדל“.

פאַרגלײַכט עס מיטן סאָף פונעם קאַנאָן:

„...זע, מענדל, זאָלסט נישט גיין אָף קיין „לעסטאַציעס“ און נישט האַנדלען מיט קיין אַלטע שמאַטעס, — נאָך דאָס גייט דיר אָפּ! (געמיינט דעם „לאָמבאַרד“, וועגן וועלכן מענאַכעם־מענדל האָט פריִער מיט אַ בריוו געשריבן אין זײַן „איקער שאָכאַכטי“). לעמאַגעשעם, באַלד, ווי דו וועסט באַקומען מײַן בריוו מיטן געלט, זאָלסטו זיך אופזעצן און אָפּגעזעגענען זיך מיט אָדעס, און וויבאַלד דו וועסט נאָר אַרויספאָרן פון שטאָט, אַזוי זאָל עס זיך אָנצינדן פון אַלע פיר זײַטן, און עס זאָל ברענען און פלאַקערן, סאַרפענען און פאַרסאַרפעט ווערן, ס׳זאָל פון דעם ניט בלײַבן קיין סאָריד אופאָליט, ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן האַרצן דײַן בעעמעס געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל“.

שיינע־שיינדל איז אין דעם קאַנאָן שוין אַ „בעעמעס געטרײַע פרוי“. זי שילט נאָך און זידלט זיך, אָבער, ווי געזאָגט, ניט מענאַכעם־מענדלען, נאָר דאָס ביטערע לעבן אירס.

די צווייטע סעריע („פּאַפּירלעך“) איז שוין אַ סאַך נעענטער צום קאַנאָן. עס זײַנען שוין דאָ קימאַט אַלע אַטריבוטן פונעם איצט באַוווּסטן וואַריִאַנט: די שוויגער, דער „איקער שאָכאַכטי“, דער „מאַכמעס איך האָב קיין צײַט ניט“ און אַנד. נאָר דער ערשטער בריוו האָט דאָ געהאַט אַ גאָר אַנדער אַרײַנפיר, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם צווישן־עטאַפּ — פון דער ערשטער ביז דער צווייטער סעריע. אין דעם יאָר 1894 איז, ווי באַוווּסט, דערשינען די קאָמעדיע „יאַקנעהאָז“, וווּ עס האָט ווידער פיגורירט מענאַכעם־מענדל, אַ קליינשטעטלדיקער ספּעקוליאַנט, געהאַנדלט אַמאָל אין אָדעס מיט „לאָנדאָן“, און וווּ „די געשיכטע קומט פאָר אין דער גרויסער שטאָט יעהופּעץ אין אונדזערע צײַטן“.

אין דעם קאַנאָניזירטן טעקסט ווערט גאָרניש דערמאָנט וועגן „יאַקנעהאָז“, נאָר עס ווערט די ערשטע זאַך געגעבן צו וויסן שיינע־שיינדלען, אַז „זײַ וויסן, אַז איך בין שוין ניט אין אָדעס, איך בין אין יעהופּעץ (אויך אַ שיינע שטאָט, לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר!)“, און עס ווערט דעריבער דערציילט די געשיכטע פון דער באַגעגעניש אָפּן וועג מיטן אָדעסער ספּעקוליאַנט, וואָס פאָרט קיין יעהופּעץ, אאַוו.

מענאַכעם־מענדל דאַרף זיך דאָ בלויז פאַרענטפערן, וואָס ער איז ניט געקומען אַהיים אָף פּייסעך, און באַרויִקן שיינע־שיינדלען, אַז ס׳איז דאָ אין יעהופּעץ אַ קאָמיטעט, וואָס גיט אַכטונג, אַז מע זאָל ניט „לאָזן אַ ייִדן פאַלן אינמיטן גאַס“. ערשט נאָך דעם דאָזיקן אַרײַנפיר גייט ער איבער צום „קאַראַנטנע געשעפט“ פון „פּאַפּירלעך“.

אין „הויז־פרײַנד“ איז דאָס ווײַטערדיקע געגעבן זייער קורץ: „געכאַפּט פון אויבן“, לאָזט זיך מענאַכעם־מענדל אַוועק קיין פּעטערבאַרג און „אײַנגעזשירט“ מיט פּאַפּירלעך... אַ שיינעם פּאָרטעפעל“. אין קאַנאָן איז דאָס זעלבע געגעבן מער אַרומגערעדט און ברייטער: „אַ פּאָרטעפּעל פון קאָל האַמינים שעהו: „פּוטיווּל“ מיט „טראַנספּאָרט“, מיט „וואָלגע“, מיט „מאַלצעווער“ אוקעדוימע אַזעלכע אַקציעס, וואָס הייבן זיך...“

דאָ איז שוין אַ סאַך פּינקטלעכער, אָף אַ האָר „ניט אויסגעקלערט“, איבערגעגעבן דער קאָלאָריט פון דער צײַט, דער פּראָצעס פון אינדוסטריעלן אופשטײַג אין רוסלאַנד, ווײַל „פּוטיווּל“, „טראַנספּאָרט“, „וואָלגע“, „מאַלצעווער“ אוקעדוימע „זײַנען אַלץ אַזעלכע פאַבריקעס, וואָס עס אַרבעט זיך דאָרטן אײַזנבאַנען אָף אַקציעס“... ווײַטער שרײַבט מענאַכעם־מענדל, ווי דער עמעס איז, וועגן דעם גרויסן נאָכפרעג אָף די דאָזיקע אַקציעס, וועגן דעם „טראַנספּאָרט“־פּסיכאָז:

„אַלע האָבן דאָ „טראַנספּאָרט“: ייִדן, ווײַבער, דאָקטוירים, מעלאַמדים, מעשאָרסים, דינסטן, באַלמעלאָכעס — ווער האָט ניט קיין „טראַנספּאָרט“? דאָ, אַז אַ ייִד באַגעגנט זיך מיט אַ ייִדן, איז דער ערשטער באָרעכאָבאָ: וויאַזוי איז הײַנט „טראַנספּאָרט“? קומסטו אַרײַן אין אַ רעסטאָראַציע, באַגעגנט דיך די באַלעבאָסטע: „ווי טײַער איז הײַנט

[1] מיר שטרײַכן אומעטום אונטער שיינע־שיינדלס קלאָלעס, וועלכע זײַנען געווענדט דירעקט צו מענאַכעם־מענדלען (אין ערשטן וואַריִאַנט) און פאַרקערט (אין קאַנאָן).

טראנספּאָרט"?" גייסט קויפן א פּעקל שוועבעלעך, פרעגט דיך דער קרעמער: „ווי טייער איז היינט „טראנספּאָרט"?.."

דער צווייטער בריוו איז אין „הויז־פריינד" געגעבן א ביסל ברייטער, ווי אין דער שפּעטערדיקער בוך־אויפלאגע. ביים עס רעדט זיך וועגן דעם נייעם דאָקטער, זאָגט דאָרט שיינע־שיינדל: „ער מיינט, ער וועט בא מיר צאַפּן בלוט, אזוי ווי בא לייע דער מומע קריינים, — איר צוגעזאָגט קינדער און צום סאָף ווער וואָס ווערמען? א נעכטיקער טאָג! דאנקען גאָט באָטש דערפאר, וואָס איך דארף צו אים ניט אָנקומען דערמיט... האלעוויי וואָלט איך שוין אזא דייגע געהאט מיט אלדאָסגוטס און מיט דיר און מיט אלע דיינע גילדענע מיסכאָרים דאָרטן אין יעהופּעץ, איינגעזונקען זאָל דאָס ווערן מיט דיר אינאיינעם. איך זאָל מיך נאָר אופהערן צו שווארצן דאָס פּאָנעם. אז וו איך שטיי, הער איך נאָר יאקנעהאָז און יאקנעהאָז. עפּעס א ביכל, זאָגט מען, צי א לידל האָט מען אף דיר געמאכט אזעלכעס, וואָס עס הייסט יאקנעהאָז..."

דאָס אלץ איז, ווי מיר ווייסן, ניטאָ אין דעם קאנאָן. אין דעם וויטערדיקן טעקסט, וואָס פאלט צונויף מיטן קאנאָן, ווערט נאָך אלץ געברויכט דאָס וואָרט „יאקנעהאָז" אָנשטאָט „לאָנדאָן".

אין דעם דאָזיקן בריוו פיגורירט שוין די שוויגער אין איר גאנצער פּראכט. אייניקע שפּריכווערטער, וואָס זי געברויכט דאָ, פאלן דערנאָך ארויס („אז מע שפּילט זיך מיט דער קאץ, דארף מען אָנעמען פאר ליב איר קראץ", „אז מע קאָן ניט אריבער, מוז מען ארונטער" און אנד.) אָדער ווערן איבערגעטראָגן אין אנדערע שפּעטערדיקע בריוו. אייניקע ווערטער פונעם ערשטן וואריאנט זיינען שפּעטער געגעבן אין אן אנדער אָרדענונג אָדער אינגאנצן אויסגעשטראָכן.

דער זעקסטער בריוו אין אלמאנאך איז גרעסער. דאָ ווערט ווידער דערמאָנט מענאכעם־מענדל, וואָס פארנעמט זיך מיט הענדל[1]. שיינע־שיינדלס קלאָלעס, ווי געוויינלעך, זיינען געווענדט דירעקט צו מענאכעם־מענדלען. עס ווערט דערמאָנט „יאקנעהאָז" בישכיינעס מיט „לאָנדאָן". אויסער דעם איז דאָ שיינע־שיינדלס א פּאָסטסקריפּטום מיט א בסורע, אז „ריווקעלע געט זיך שוין מיטן מאן און... וויל נעמען דעם פרייערדיקן כאָסן פון יאמפּעלע". און „פייטל־הערשקע ביניאָמינס האָט מען געמאסערט. ער דארף זיך שטעלן אין דער גובערניע „בא וואָספּיטאניע" און קאָפּל בײַעדװױרעס האלט שוין ווידעראמאָל בא אָנזעצן"...

דער אכטער בריוו שיידט זיך שטארק אונטער פונעם איצטיקן וואריאנט.

ער הייבט זיך אָן מיט דער פינצטערער בסורע, אז מענאכעם־מענדל דארף זאָגן קאדעש נאָך זיין מאמען, וואָס איז געשטאָרבן פון א קימפּעט. שיינע־שיינדל רופט אים ווידער אהיים צו די קינדערלעך, שילט די יעהופּעצער דאמען מיט זייערע „בארליאנטן" מיט אים אינאיינעם, האָט טיינעס, לעמיי ער קויפט איר שוין ניט עפּעס, ווייל „בא אזא געשעפט, אז מע רייסט נישט אָפּ מיט געוואלד, האָט מען נישט", ווארפט אים אויף, אז ער איז א לעקיש און גלייבט אלעמען, לאכט אויס זיינע „מעשוגענע" איינפאלן וועגן ווערן א וואסילקאָווער ניכטעוו און זאָגט נעוויעס, אז זי וועט אים ווייטער דארפן שיקן געלט אף דער הויצאָע, שווערט זיך, אז מער וועט זי עס ניט טאָן; זי וועט אים בעסער אראָפּברענגען „א לעבעדיקן אָדער א טויטן" אהיים. אין פּאָסטסקריפּטום דערציילט שיינע־שיינדל, אז מענאכעם־מענדל איז בא איר געווען צו כאָלעם און זיי זיינען ביידע געשטאנען „באם ראָוו אונטער א דעקטוך, צוויי האמעס, ברענען זאָלן זיי, שטייען פון ביידע זייטן און מע שלעפּט (אים), די אהער, די אהין, און בא דער זייט שטייט דער שאמעס מיט בארליאנטענע אוירינגלעך, האלט א געקוילעטן האָן אין האנט און שרייט: „ווייבערלעך! נאט אייך א פּיפּערנאָטער!.."

אין קאנאָניזירטן טעקסט איז גלייך פון אָנהייב געבראכט די געשיכטע מיט דער שוועגערן יענטלס רעכילעס, אז מענאכעם־מענדל איז אוועק קיין אמעריקע (זע פריער, דעם פּאָסטסקריפּטום פון צווייטן בריוו, ערשטער וואריאנט). די דאָזיקע געשיכטע איז דאָ פארברייטערט און פארנעמט קימאט א האלבן בריוו. ווייטער גייט דאָ קימאט די זעלבע געשיכטע, וואָס אינעם אכטן בריוו פון ערשטן וואריאנט, אויסער דער בסורע וועגן דער מוטערס טויט. די טרויעריקע בסורע איז דאָ אריבערגעטראָגן אין דעם „איקער שאָכאכטי", און שוין מיט א גאָר אנדער אספּעקט. דאָ רעדט זיך וועגן דעם, אז געשטאָרבן איז גאָר יענטל פון א קימפּעט און מענאכעם־מענדלס ברודער בערל־ביניאָמין איז געבליבן אן אלמען. אזויארום, נאָך דער מייסע, וו שיינע־שיינדל שיט פעך און שוועבל אף יענטלען פאר אירע רעכילעס, קומט די ידיע וועגן יענטלס פּלוצלינגדיקן טויט און אז בא דער לעוויע איז שיינע־שיינדל דאפקע געווען און זיך „דאפקע אזוי אָנגעוויינט, אז (זי איז) קוים געקומען א לעבעדיקע אהיים..."

אָט אזוי האָט דאָ שאָלעם־אלייכעם אינגאנצן פארביטן די יאָצרעס און געשאפן א גאָר נייע און מער נאטירלעכע קאָמיש־טראגישע סיטואציע און קינסטלערישן עפעקט. דער פריערדיקער וואריאנט פון דער בסורע, אז מענאכעם־מענדלס מאמע איז געשטאָרבן פון א קימפּעט און אז דער טאטע האָט שוין כאסענע געהאט אאוו., איז ווירקלעך א ביסל צו האמעטנע.

דער לעצטער בריוו פון דער סעריע „פּאפּירלעך" איז שפּעטער שטארק געקירצט: א גרויס אָרט האָט דאָ פארנומען די מייסע מיט דער באָבע צייטל, וועלכע איז געקומען צו כאָלעם שיינע־שיינדלען[1] און געראטן איר פאָרן געזונטערהייט און גריסן מענדלען. און ווי די מאמע האָט עס פויסער־כאָלעם געווען, אז זי מוז פאָרן נאָך אים אין יעהופּעץ און ניט שיקן מער קיין געלט. א היפּש אָרט האָט דאָ פארנומען דער פּאָסטסקריפּטום מיט דער בסורע, אז „די מאמע זאָל לעבן און געזונט זיין" פאָרט אויך מיט איר און אז זי פאָרט אין יעהופּעץ ניט מיטן באן, נאָר מיט א באלעגאָלע, קעדיי זי זאָל שוין קענען פארבייגייענדיק זיין אומעטום, זיך זען מיט דער גאנצער מישפּאָכע: אין יאמפּעלע, אין טעטרעוויץ און אין סטרישטש, און ערשט דערנאָך „אין דעם שיינעם יעהופּעץ, איינגעזונקען זאָל דאָס ווערן".

אָט די „פּאטריארכאלישע" שטריכן פון שיינע־שיינדל זיינען שפּעטער ארויסגעפאלן. דאָס האָט שוין ווייט ניט אנטשפּראָכן דעם נייעם קינסטלערישן אספּעקט פון דעם „מענאכעם־מענדל"־בוך.

אין דער סעריע „מיליאָנען" האָבן מיר שוין די אוטאָרישע באצייכענונג אף יעדן בריוול: „מענאכעם־מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע־שיינדל אין מאזעפּעווקע",

---

[1] זע שאָלעם־אלייכעם. אלע ווערק. מאָסקווע, 1948, ב. 1, ז. 154 און דעם קאָמענטאר, ז. 519.

[1] די באָבע צייטל באווייזט זיך שפּעטער אין „טעוויע דער מילכיקער".

לעזוגאָסי האיעקאָראָ האצנואָ האכאכאָמאָ מאָראס שיינע־שיינדל שעטיכיע עכב״ב (אים קאָל בניי־בייסי״)[1].

אין דעם ערשטן בריוו זיינען שפּעטער פאַרקירצט און געענדערט געוואָרן א רײ ערטער. א באַזונדערס גרויסע קופּיור איז געמאַכט געוואָרן נאָך די ווערטער: „נאָר די בראָצקיס זענען עפּעס מיט ניסים ארויסגעשפּרונגען גליקלעך". צוליב דער וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן פאַרקירצטן טעקסט פאַר דער שפּעטערישער געשיכטע פון שאָלעם־אליינעמס ווערק, איז קעדײַ צו ברענגען דאָס אָרט אינגאַנצן:

„אפּאָנעם, אז סייכל און פאַרשטאַנד איז פאַראַן בא אונדז, און געלט איז טאַקע פּאָרט בא זיי... און צו אַלע גליקן באַדאַרף דער גוטעריאָר אונטערטראָגן עפּעס א שלאַק פון זײַן ליבן נאָמען, ער איז דײַנס א פרײַנטל, זאָגט ער, א גליד־גליד־געשוועסטערקינד, ער הייסט טעוויע דער מילכיקער[2]. ער האַנדלט מיט מילכיקס. האָט ער מיר געדאַרפט ארײַנצימבלען די עטלעכע קערבלעך, זײַן גאַנץ פאַרמעגן, און ס'איז אוועק אהין, ווו דער ליבער שאַבעסקוידעש גייט אוועק, קיין פּייטערבאָרג און קיין וואַרשע. איך האָב געמיינט, אז איך וועל פון דעם דאָזיקן טעוויען און פון זײַנע זיסע רייד דעם שלאַק באַקומען! כידרושים זאָג איך דיר, וואָס די פּיס טראָגן מיך און וואָס איך בין נאָך בא אַלע געדאַנקען! א היפּשע צײַט בין איך אַפּילע ארומגעגאַנגען ווי א צעדולטער, גערעדט צו זיך אליין: פּייטערבאַרג, וואַרשע, אקציעס, לילעפּוטן, פּוטעווילעוו, מאַלצעוו... נאָר איך האָב מיך מעיאַשעוו געווען, וואָס וועל איך דאָ, נאַר, פּויעל זײַן, אז איך וועל מיר נעמען צום האַרצן? ווי זאָגסטו, עס שטייט דען געשריבן, אז מע באַדאַרף האַפּקע האָבן די רייש אלאָפים? עס לעבן דען נישט קיין מענטשן מיט א סאַך ווינציקער? די צאָרע איז נאָר, וואָס ס'איז נישטאָ דאָס דרײַערל אף דער הויצאָע! נאָר אז מע וויל שמועסן צוריק דאָס אייגענע: לעמײַ כינקיס? כינקיס איז דען נישט געבליבן אָן הויזן און איז נאָך געוואָרן א בורייעך אויך? ציי, לעמאָשל, אָט איז א יונגערמאַנטשיק העפּמאַן. אזא יאָר זאָל איך האָבן וואָס פאַר א „שפּיגעלאַנט" דאָס איז! וואָס דער יונגערמאַן האָט איבערגעדרייט מיט פּייטערבאַרג און מיט וואַרשע! וואָס דאַרפסטו מער, אז ס'איז ניט געווען וואָס צו טאָן אף דער בערזע, פלעג ער מאַכן א „סטאַלאַוש" מיט זיך אליין, דאָס הייסט אף אונדזער לאָשן: געקויפט און פאַרקויפט, געגעבן און גענומען בא זיך אליין. האָט זיך אויסגעלאָזט, אז פון אַלע דרייעגישן מיט אַלע מיליאָנען איז ער געבליבן בא די גראָבע קאָנטע־ביכער באַשריבן מיט א סאַך ציפערן, און אפן בוידעם ליגן בא אים עטלעכע זעק אָנגעשטאָפּט מיט „סטראָטשבע" העפּעשן פון פּייטערבאַרג און פון וואַרשע — א גאַנצער ארכיוו!"

שאָלעם־אליינעם האָט דעם דאָזיקן היפּשן שטיק טעקסט אינגאַנצן שפּעטער ארויסגעוואָרפן. די באַגעגעניש פון מענאַכעם־מענדלען מיט טעוויען האָט ער געגעבן דערנאָך ווי א באַזונדערע דערציילונג אין זײַן „טעוויע דער מילכיקער", און אין גאַר אַן אַנדער, פאַרקערטער סיטואַציע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער מאָטיווירונג. איבער לאָזן די דאָזיקע באַגעגעניש אויך דאָ איז שוין געווען ניט מעגלעך. אויסער דעם, וואָס דאָס וואָלט געווען אַן איבערכאַזערונג, וואָלט עס ווידערשפּראָכן איינס דאָס אַנדערע מיט דער פאַרקערטער פּרינציפּיעלער און קינסטלערישער באַלויכטונג. מענאַכעם־מענדל ווי א טיפּ און ווי אן אויסגעהאַלטענער כאַראַקטער וואָלט אין דער דאָזיקער טראַקטירונג א סאַך פאַרלאָרן. און ניט נאָר מענאַכעם־מענדל, נאָר אויך טעוויע וואָלט געליטן צוליב זײַנע „זיסע רייד" מיט מענאַכעם־מענדלען. די ווײַטערדיקע נעמען און טוונגען פון די באַשריבענע „שפּעגעלאַנטן" אין זעלבן טעקסט האָט שאָלעם־אליינעם, ווי באַוווּסט, שפּעטער אומעטום אויסגעמעקט און פאַרביטן אָדער מיט פרעמד־נעמען אָדער מיט א קורצער פאַראַלגעמיינערונג.

אין פופצעטן בריוו זיינען געמאַכט 13 קירצונגען. אין איין אָרט איז ארויסגעפאַלן א גרויסע געשיכטע וועגן דעם, ווי מענאַכעם־מענדל האָט זיך „אנטוישט" אין דעם וואַלד־מעקלער קופּערפויגל (זײַן נאָמען איז שוין איין מאָל דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע בריוו פון ערשטן וואַריאַנט) און זיך באַקענט מיט א גרויסן אָהער־סער מעקלער „פון אימעניעס און וועלדער, רעב לייזער הייסט ער". אָט דער לייזער מאַכט טיל־טעל פון דעם קופּערפויגל, פון וועלכן דער לעצטער איז שוין אמאָל געוואָרן „אומגליקלעך", און דערציילט וועגן דעם א גאַנצע מײַסע. אדאַנק דעם האָט זיך מענאַכעם־מענדל „ארומגעזען", אז „וועלדער איז ניט פאַר אים", און זיך גענומען צו „אַן אַנדער געשעפט, צו זאַוואָדלעך".

אין זיבעצעטן בריוו וואַרפט שאָלעם־אליינעם ארויס אזוינע ערטער, וואָס פאַרשווערן דעם גאַנג פון דעם סיפּער־האַמײַסע מיט „זײַטיקע" זאַכן. אין דעם דאָזיקן בריוו איז נאָך קעדײַ אויסצוטיילן די ענדערונג פון דעם „איקער־שאָכאַכטי״: „ווייס איך וואָס? ציוניזם? דאָקטאָר הערצל! אויך מיר א געשעפט!".

אין דער ערשטער אויסגאַבע, אין דעם „יוד", איז דאָ געווען א ביסל אַנדערש:

„ווייס איך וואָס? ציוניזם, דאָקטאָר מאַנדעלשטאַם! א נעכטיקער טאָג!.. מע האָט מיר צוגעזאָגט אנטלײַען א יידיש ביכל וועגן ציוניזם; אז איך וועל איבערלייענען דאָס ביכל, וועל איך דיר ארויסשרײַבן אלצדינג באַאריכעס".

ווי מיר זעען, האָט איבעם ערשטן וואַריאַנט מענאַכעם־מענדל נאָך געהאַט דעם אינטערעס צו ביכלעך וועגן ציוניזם, צום דאָקטער מאַנדעלשטאַם אאַז.

אין קאַנאָן איז שוין מענאַכעם־מענדל ווײַט פון די דאָזיקע אינטערעסן: „אויך מיר א געשעפט!"

אין דעם דרײַ־און־צוואַנציקסטן בריוו זײַנען, אויסער די אַלגעמיין־כאַראַקטעריסטישע קירצונגען, צוגאָבן און קלענערע ענדערונגען, פאַראַן דרײַ אפּסנײַ אָנגעשריבענע גרעסערע שטעלן, וואָס פאַרבײַטן דאָס פאַרקירצטע און טראָגן ארײַן נײַע מאָטיוון און ניואַנסן אין דעם געשילדערטן. ס'איז גענוג צו ברענגען איין אָרט, דעם סאָף פונעם בריוו, ווי ער איז געווען פריער, אָנהייבנדיק פון די ווערטער: „די וועלט מאַכט געשעפטן און פאַרדינט געלט":

„נו פרעג איך דיך, קען ניט צעזעצט ווערן די גאַל? גוואַלד, ריבוינע־שעל־אוילעם, בין איך דען נישט אזא

[1] אין דעם דאָזיקן טראַפּאַרעט ווערן אָפּט אין קאַנאָן גופע איבערגעשטעלט אייניקע ווערטער („האַצנוע האַכאַ־כאָמע" און „האַכאַכאָמע האַצנוע"), דער צושריפט „עכב״ב" איז אויך ניט אין אַלע סעריעס פאַראַן.

[2] אין דעם זעלבן 1899־טן יאָר האָט, אגעוו, שאָלעם־אליינעם אָפּגעדרוקט אין „יוד" צוויי דערציילונגען פון זײַן „טעוויע דער מילכיקער": „א בוידעם" און „הײַנטיקע קינדער". די ערשטע דערציילונג פון „טעוויען" — „דאָס גרויסע געווינס" האָט ער פאַרעפנטלעכט אין 1895, אין ספּעקטאָרס „הויז־פרײַנד". .

מענטש ווי אלע? מיט וואָס בין איך ערגער, לעמאָשל, פון אבראמזאָנען? איך האָב, דאכט מיר, אויך געלערנט אין א כיידער ווי ער, פונדעסטוועגן האלט אבראמזאָן א קאָנטאָר אף *ניקאָלייעווסקע*, אומעטום אין אלע בענק איז ער פול. ווו ערגעץ א מעקלער, קריכט ער צו אבראמזאָנען (ס׳איז גאָר א סוואָרע, אז ער ציט איצט א בריק אף אקציעס פונהאנען קיין ווארשא!). און איך, מענאכעם־מענדל, באדארף ליגן ערגעץ אין א לאָך, זיין אין געפענקעניש, באהאלטן זיך גאָר פון פעטש! איך זאָג דיר דעם עמעס, איך בין שוין טאקע אָפּגעוווינט געוואָרן פון צו זיצן אף איין אָרט, מאכמעס דער קאָפּ טראָגט מיר אהין, אין די גרויסע געשעפטן, אין די מיליאָנען אריין, איך וועל גאָר אראָפּ פון זינען אָדער איך וועל מיר א מייסע אָנטאָן! א שטיקל גליק, וואָס איך האָב כאָטש דערטאפּט עפּעס א ביכל, זיץ איך און לייען. דאָס ביכל האָט געמאכט א שלאק פון זיין ליבן נאָמען, ער הייסט שאָלעם־אלייכעם; ער באשרייבט דאָרט טאקע די היגע בערזע מיט *אלע היגע לייט* (און מיך אויך בעסויכעם)[1] מיט אלע פּישטשעווקעס, גלייך ווי ער איז געווען דערביי, און מאכמעס איך בין פארנומען מיטן לייענען און האָב קיין צייט ניט, מאך איך דאָס בעקיצער; אים־ירצע־האשעם אינעם אנדערן בריוו וועל איך דיר ארויסשרייבן אלצדינג באאריכעס, לעסאטע לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט האצלאָכע; גריס די קינדער און איטלעכן באזונדער גאָר פריינטלעך,

מימעני באאלייך מענאכעם־מענדל".

אָט אזוינע ערטער, וואָס טראָגן א ביסל א לאָקאלן, קימאט אווטאָביאָגראפישן כאראקטער, ווערן דאָסראָוו פארקירצט (פארגלייכט מיטן באוווסטן סאָף פונעם קאנאָן).

דער *פיר־און־צוואנציקסטער* בריוו פארמאָגט א ריי *אקטיווע* ענדערונגען. אויסער די אלגעמיינע קירצונגען, א גאָר אנדערן פּאָסטסקריפּטום, וואָס איז פארבונדן מיט דער נייער ענדערונג פונעם פריערדיקן בריוו פון מענאכעם־מענדלען. אין דער אלטער אופלאגע איז אין דעם פּאָסטסקריפּטום דאָ געווען, אין א *פארברייטערטער פאָרם*, דער באוווסטער פּאָסטסקריפּטום פונעם XVIII בריוו פונעם קאנאָן.

אָט ווי אין דער ערשטער אופלאגע האָט עס אויסגעזען: „וואָס דו שרייבסט מיר, אז דו לייענסט יידישע מייסע־ביכלעך מיט שיר־האמיילעסן, איז דאָס בא מיר פון די קליינע בסורעס; קארג וואָס דו האָסט צו טאָן מיט ליגנערס און מעשוגאָים אף דער בערזע, מיט שלעפּערס, מעכאברים, לידלמאכערס און מייזנטרייבער אף דער אכסאניע, באדארפסטו נאָך לייענען אקעגן נאכט מייסעס, וואָס מע קען איבער זיי אראָפּ פונעם זינען. אָט האָט זיך ערשט ניט לאנג פארלאָפן בא אונדז א מייסע, די וועלט גייט מיט דעם כאָדאָראָם! לייווי יִצכאָק־מייער מעשולעמס האָט א טאָכטער שפּרינצל, געוועזן א געזונטע מויד, אן אייזערנע, שוין אפילע א ביסל אן איבערגעוואקסענע, נאָר זייער א געראָטענע. האָט זיך צו איר פארנאדעט א מויכער־ספּאָרימניק, וואָס טראָגט ארום איבער די היימער מייסע־ביכלעך אף פּראָצענט, האָט זיך נעבעך שפּרינצל צוגעכאפּט צו די דאָזיקע מייסע־ביכלעך עפּעס פון איינעם א *שייקעוויטש*, זאָגט מען, און זי האָט זיי דורכגעליינט, זאָגט מען, א שטיקלעך הונדערט, אָדער ק״ן אזעלכע ביכלעך, איז זי געוואָרן נישט פאר מיר געדאכט עפּעס אזוי ווי צעמישט; זי רעדט מיט א מעשונע מאָדנע לאָשן, אלץ אזעלכע ווערטער, וואָס מע קען ניט פארשטיין; זי זאָגט, אז מע רופט זי ניט שפּרינצל, נאָר „ליזאבעטע" און זי קוקט ארויס אלע מינוט, אלע רעגע, אז אָט־אָט קומט עפּעס איינער, וואָס מע רופט אים „דער ליבער אדאָלף", און גאנוועט זי ארויס דורך א פענצטער. היט מען זי... זי קען זיך אוועקשטעלן מיטן פּאָנעם צו דער וואנט און ריידן מיט זיך אליין דריי שאָ אפּן זייגער. נעכטן בין איך געווען בא איר, געזעסן, געשמועסט; אָט רעדט זי, דאכט זיך, צו דער זאך, ווי א מענטש, פּלוצעם הייבט זי זיך אוף און זינגט א לידל (איך געדענק איטלעכס וואָרט):

„א פייער פון ליבע טוט ברענען אין מיר,
דיין טאלי, דיין מינע, דיין גאנצער פאסאָן,
און וויל איך דיך זען, א קלער טאָן פון דיר, —
הייבט מיר אָן ווי טאָן דער אייבערשטער צאָן!.."

א מאָשל, שטראָם־גראָם מאך מיר א לאָקשנברעט! גאָט איז מיט דיר, זאָג איך, שפּרינצל, וואָס רעדסטו דאָס? „ס׳איז דען איך, מאכט זי, דאָס זאָגט גאָר דער ליבער אדאָלף צו מיר, — צו מיר, — צו מיר, זיין אייגעל, זיין שאַץ, זיין ליבסטע ליזאבעטע!.." נו, פרעג איך דיך, מענדל, זאָל ער נישט האָבן א וויסטן סאָף, אָט דער שייקעוויטש מיט זיינע שיר־האמיילעסן?! איך שיק דיר דאָ עטלעכע קערבלעך אף הויצאָעס. איך האָב גענומען באם טאטן, די מאמע זאָל ניט וויסן, און זאָג דיר דאָס *לעצטע* מאָל: וואָס ס׳איז געווען, איז פארפאלן; גענוג דיר שוין צו הוליען, טו א שפּיי אף דעם וויסטן פינצטערן יעהופּעץ מיט אלע דאָרטיקע סאָכרים, מיט זייערע מיליאָנען, מיט די מעקלערס, וואָס טראסקען, מיט די גילדענע געשעפטן, מיט די ליגנס, און מיט אלע זייערע גליקן, מיט די מעשוגאָים, שלעפּערס, מעכאברים, לידלמאכערס און קום צו פאָרן אהיים צו דיין ווייב און קינדער און צו דיין שווער און שוויגער. „זיי א מענטש, זאָגט די מאמע, וועסטו עסן אין סוקע", און לאָז שוין זיין דאָס דאָזיקע בריוול מיין *לעצטער* בריוו צו דיר — אָמיין סעלאָ".

אין דעם דאָזיקן פּאָסטסקריפּטום פילט זיך נאָך שטארק דער פּאטאָס פון „שאָמערס מישפּעט"... דאָ איז אפילע אָפן דערמאָנט דער נאָמען „שייקעוויטש". אין קאנאָן רעדט זיך בלויז וועגן א פּאָשעטן מויכער־ספּאָרימניק, וואָס טראָגט ארום איבער די היימער מייסע־ביכלעך און ראָמאנען אף פּראָקאט.

דער בריוו „עס פידלט נישט" און „א בעקאָוועדע פארנאָסע" האָבן אן אנדער אדרעסאט. זיי זיינען „בריוו פון מענאכעם־מענדלען צו שאָלעם־אלייכעמען". אויסער דעם זיינען זיי פארעפנטלעכט שוין נאָך דעם, ווי עס זיינען געדרוקט געווען די מענאכעם־מענדלשע צוויי בריוו: „וואָס טוט מען?" (צוויי בריוו פון מענאכעם־מענדלען צו שאָלעם־אלייכעמען און שאָלעם־אלייכעמס אן ענטפער) און „בעכיפּאָזן" מיטן זעלבן אדרעסאט.

די סעריע „עס פידלט נישט" („מענאכעם־מענדל א שאדכן") איז אזויארום כראָנאָלאָגיש פארבונדן מיטן אינהאלט פון די *פריערדיקע בריוו*, און דאָס האָט ארופגעלייגט א באזונדערן שטעמפּל אף איר אינהאלט און אויסזען, און דעריבער איז זי אזוי ווייט פונעם קאנאָן „עס פידלט נישט", וואָס איז איצט אריינגעפאלן אין א גאָר אנדערן קאָנטעקסט, — צווישן „א בעקאָוועדע פארנאָסע" און „שלים־שלימאזל", אין דער צייט, ווען די *דערמאָנטע פריערדיקע בריוו* זיינען אינגאנצן ארויסגעפאלן פונעם „מענאכעם־מענדל"־בוך.

[1] א רעמעז אף דער קאָמעדיע „יאקנעהאָז".

דער ערשטער וואריִאַנט פון „עס פידלט נישט“ איז געדרוקט אין זעקס צײַטונגס־נומערן און האלט 25 גרויסע קעלערס, — קימאט אין צוויי מאָל מער, ווי דער קאַנאָן, וועלכער באשטייט פון א יי ן בריוו. די ערשטע אויסגאבע פארמאָגט דעם גאנצן „רעקוויזיט“ פון דעם איצטיקן „עס פידלט נישט“. דאָ איז פאראן אָשער דער וועלט־שאדכן, דאָס צעטל פון די שידוכים (עמעס, איינגאנצן אן אנדער צעטל און פארלאָרן האָט אים, בעמכילע, אָשער אליין). סאָניטשקע איז דאָ די טאָכטער פון דעם א ל ט ן מעיוכעס און ניט פונעם אופגעקומענעם גוויר, און עס ווערן „אויסגעפירט“ צוויי שידוכים: איין מאָל — פון צוויי קאלעס, א צווייט מאָל — פון א גאָרוש מיט א גרושע. אף דער לעצטער כאסענע קומט צו פאָרן דאָס ווײַב פונעם „גאָרוש“, די כאסענע פארענדיקט זיך מיט א סקאנדאל, מענאכעם־מענדל ווערט ארעסטירט און מע ברענגט אים אהיים מיטן עטאפ.

די נײַע סעריע בריוולעך האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן און פארענדיקט אין 1913 (אפרעל—נאָיאבער) אין ווארשעווער „הײַנט“ אונטערן טיטל: „בריוולעך פון מענאכעם־מענדל צו שיינע־שיינדל זײַן ווײַב, איבערגעגעבן פון שאָלעם אליכעם“.

דאָס זײַנען 45 (לויטן „שאָלעם־אליכעם־בוך“ — 46?) גאָר נײַע בריוו פון מענאכעם־מענדלען צו שיינע־שיינדלען.

די בריוו באַרירן א ריי אקטועלע געשעענישן און פאַסירונגען פון יענער צײַט אין אייראָפּע און אמעריקע, פארמאָגן א סאך אווטאָביִאָגראפישע שטריכן. אין די געזאמלטע ווערק — ניט ארײַנגענומען.

די דאָזיקע סעריע קאָן מען, פארשטייט זיך, ניט פארגלײַכן לויט איר קינסטלערישער קוואליטעט מיטן מאָנומענטאלן „מענאכעם־מענדל“־בוך, מע דארף אָבער זיך דערמאָנען שאָלעם־אליכעמס ארויסזאָגונג, אז ער „ארבעט שטענדיק לישמאָ... און האָט ליב די ארבעט בעכאָל לעוואָווי אובעכאָל נאפשוי, און וויפל מע זאָל אים צאָלן — א סאך באצאָלט זיך ניט — איז איטלעכער קאפיטל פונעם ראָמאן (דאָ גייט א רייד וועגן „בלוטיקן שפאס“, וועלכן ער האָט געדרוקט קימאט אין איין צײַט מיט די בריוו), וואָס באלמאכשאָוועס רופט אָן טאנדעט, איבערגעארבעט געוואָרן מינדסטנס צען מאָל און מענאכעם־מענדלס א בריוו ווערט איבערגעשריבן און איבערגעלײַטערט מער ווי 10 מאָל“ (פון א בריוו צו דינעזאָנען).

וועגן שאָלעם־אליכעמס ארבעט אף זײַנע ווערק ביכלאל קאָן מען זיך אויך דערוויסן פון זײַנע פילצאָליקע בריוו צו פינוסן.

„אין יאָר 1931, — שרײַבט מאקס עריק אינעם דערמאָנטן ארטיקל, — האָב איך אפן סמאך פון שאָלעם־אליכעמס בריוו צו זײַן איבערזעצער אין רוסיש דר. פינוס געקאָנט דאָקומענטירן יענע גרויסע און טאָגטעגלעכע ארבעט, וואָס שאָלעם־אליכעם האָט אין מעשעך פון יאָרן (1910—1913) געפירט באַם צוגרייטן צום דרוק און קאָנטראָלירן די רוסישע אויסגאבעס פון זײַנע ווערק („שאָלעם־אליכעם און זײַן איבערזעצער“. מינסקער „צײַטשריפט“, ב. 5), און א שלאל קינסטלערישע מי האָט שאָלעם־אליכעם ארײַנגעלייגט אויך באַם פעסטשטעלן דעם ענדגילטיקן ק א נ אָ נ י ש ן טעקסט פון זײַן גרעסטן מײַסטער־ווערק, פון „מענאכעם־מענדלען“[1].

די נײַע סעריע בריוו איז מער נאָענט, לויט איר כאראקטער און אויפן פון שרײַבן, צו די ע ר ש ט ע וואריִאַנטן פונעם קאנאָניזירטן „מענאכעם־מענדל“, און עפשער דערפאר טאקע זײַנען איניקע שרײַבער און קריטיקער, ווי מיר ווייסן עס פון שאָלעם־אליכעמס בריוו צו דינעזאָנען און אנדערע קוועלן, געווען „געשטימט“ קעגן דער דאָזיקער נײַער סעריע. זיי האָבן מוירע געהאט, אז שאָלעם־אליכעם וועט „קאליע מאכן“ זײַן „מענאכעם־מענדל“, וועלכן מע טאָר שוין מער ניט „טשעפען“.

שאָלעם־אליכעם אליין האָט אָבער געהאט אן אנדער מיינונג. ער האָט געהאלטן, אז „דער איצטיקער „מענאכעם־מענדל“, וואָס דרוקט זיך אין „הײַנט“, איז ניט, שטעלט אײַך פאָר, אזוי לעשעם גאזעט, ווי לעשעם א נ ײַ ק א פ י ט ל א י ן ב ו ך, ו וּ אָ ס ה י י ס ט „מ ע נ א כ ע ם־מ ע נ ד ל“. דאָס וועט זײַן דער צווייטער טאָם, ווו עס ווערט געשילדערט מענאכעם־מענדל דער לופטמענטש אינעם געשטאלט פון א פּאָליטיקער און קלאל־טוער, און דאָ איז ער אויך דער זעלבער פליִער, דער זעלבער היצקאָפּ, דער זעלבער אידעאליסט, דערצו נאָך א הומאניסט און פאציפיסט, און א „ייִד“, און וואָס איר ווילט...“[2].

ווער ווייסט, עפשער האָט שאָלעם־אליכעם נאָך געהאָפט דורכצומאכן די זעלבע ארבעט איבער די דאָזיקע בריוו, ווי ער האָט עס געטאָן מיט זײַן ע ר ש ט ן טאָם „מענאכעם־מענדל“? לײַדער, איז עס שוין געווען ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן שאָלעם־אליכעמס לעצטע וואנדערונגען איבער שטעט און לענדער... נאָר אויך אין דעם צושטאנד זײַנען די דאָזיקע בריוו אינטערעסאנט מיט דער אקטועלער פּאָליטישער און געזעלשאפטלעכער טעמאטיק פון יענער צײַט, מיט דער שפּרודלדיקער עכט־שאָלעם־אליכעמישער סאטיריש־הומאָריסטישער אינטערפּרעטאציע פון די געשעענישן. די טעמעס פון די בריוו רופן זיך אָפּט איבער מיט די קאָרעספּאָנדענציעס, טעלעגראמעס און ארטיקלען, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אין דער זעלבער צײַטונג. אזוי, לעמאָשל, איז וועגן דעם סענסאציאָנעלן שטרײַק פון די ייִדישע שרײַבער אין אמעריקע, וועגן וועלכן שאָלעם־אליכעם רעדט אין זײַן ערשטן בריוו, געווען מיט א קורצער צײַט צוריק געדרוקט א קאָרעספּאָנדענץ פון ניו־יאָרק אין דער זעלבער צײַטונג. דאָס זעלבע וועגן דער מילכאָמע אף די באלקאנען, וועגן ציִעניסטישן קאָנגרעס, וועגן ביילים־פּראָצעס אאוו. אלץ ווערט גלײַך אָפּעראטיוו אופגעכאפט און קינסטלעריש אונטערגעטראָגן אין די בריוו פון מענאכעם־מענדלען צו שיינע־שיינדלען.

די דאָזיקע בריוו האָבן א גרויסע זעלבשטענדיקע דערקענטעניש־ווערט ניט בלויז פאר יענע יאָרן, נאָר אויך פאר אונדזער צײַט.

---

[1] זש. „שטערן“, 1935, נומ. 8, ז. 83.

[2] זע כ. נ א ד ע ל, י. מ י ט ל מ א ן. „שאָלעם־אליכעמס ניט צונויפגענומענע בריוו“. אין בוך „שאָלעם־אליכעם. זאמלונג קריטישע ארטיקלען“. קיִעוו, 1940, ז. 275.